# חוקת ב

א. מ'האָט שוין גערעדט פיל מאָל וועגן דעם כלל וואָס רש"י זאָגט בנוגע זיין פירוש על התורה — „אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא ולאגדה המיישבת דברי המקרא כו'"[1] — אַז ווי־באַלד ער איז מיט דער אגדה אויסן צו מיישב זיין דברי המקרא, דערפאַר איז ער ניט מדקדק צו ברענגען די אגדות דוקא בלשונן[2], נאָר ער ברענגט זיי (אָפט) אין אַ לשון שונה, וואָס זאָל מתאים זיין צו תוכן פירושו.

אַ דוגמא בולטת צו דעם געפינען מיר אין פרש"י אין היינטיקער סדרה:

וועגן דעם מסע וחני' „ויחנו מעבר ארנון גו'"[3] דערציילט תורה: „על כן יאמר בספר מלחמות ה' את והב בסופה ואת הנחלים ארנון. ואשד הנחלים אשר נטה לשבת ער ונשען לגבול מואב"[4]. איז רש"י מפרש, אַז דערמיט איז די תורה מרמז אויף די „נסים גדולים" וועלכע זיינען געשען אין נחלי ארנון. און ווי רש"י איז מפרט מיט אַן אריכות גדולה, אַז עס זיינען געווען „הרים גבוהים והנחל עמוק וקצר", און דער דרך אויף וועלכן אידן האָבן געדאַרפט גיין איז דורכגעגאַנגען אין דעם נחל. האָבן זיך די אמוריים באַהאַלטן אין די מערות פון די הרים, זאָגנדיק, אַז ווען די אידן וועלן דורכגיין „נהרגם בחצים ואבני בליס־טראות". אָבער דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ נס אַז „נזדעזע ההר של א"י . . ונתקרב לצד הר של מואב . . והרגום" (און דאָס מיינט „אשר נטה לשבת ער ונשען לגבול מואב" — „ההר נטה ממקומו ונתקרב לצד גבול מואב").

ווייטער זאָגט דער פסוק[5] „ומשם בארה, היא הבאר אשר אמר ה' למשה אסוף את העם ואתנה להם מים". מפרש רש"י, אַז דאָס איז אַ המשך צו (די נסים פון) דעם פריערדיקן פסוק, און דער פשט אין דעם פסוק איז: „משם בא האשד אל הבאר כיצד אמר הקב"ה מי מודיע לבני הנסים הללו המשל אומר נתת פת לתינוק הודיע לאמו, לאחר שעברו חזרו ההרים למקומם והבאר ירדה לתוך הנחל והעלתה משם דם ההרוגים וזרועות ואיברים ומוליכתן סביב המחנה וישראל ראו ואמרו שירה".

ב. דער מקור פון דעם פירוש (אַז די פסוקים זיינען מרמז אויף די נסים הנ"ל) איז אין תנחומא[6] און מדרש רבה[7] על אתר — זעט מען אָבער אַ שינוי עיקרי צווישן פרש"י מיטן מדרש אין דעם תיאור הנס[8] ווי ס'איז געווען דער „והרגום".

אין מדרש שטייט, אַז אַ טייל פון די „אוכלוסין" זיינען אַריינגעקומען אין די מערות (וועלכע זיינען געווען אין די הרים אויבן) און אַ טייל פון זיי זיינען געווען בתוך הנחל; און עס זיינען גע־ווען צוויי נסים: א) די אוכלוסין אין די מערות זיינען גע'הרג'ט געוואָרן דורך

---

1) פרש"י בראשית ג, ח. ועוד.

2) ובמכש"כ וק"ו שאפילו בלשון הכתוב נוהג כן (ראה לדוגמא פרש"י יתרו (כ, ח) „שמעני" — וראה מכות בסופה. ספרי תצא פ' רלג. ועוד).

3) פרשתנו כא, יג.

4) שם, יד־טו.

5) שם, טז.

6) פרשתנו כ.

7) במדב"ר פי"ט, כה.

8) נוסף על כו"כ שינויים בלשון. — אחדים מהם נת' לקמן סעיף ד ואילך.

דעם וואָס די בערג האָבן זיך צוזאַמענגערוקט[9] „ונכנסו שדים של הר זה לתוך מערות"[10]. ב) דער צווייטער נס איז געווען דורכדעם וואָס „הבאר ירדה לתוך הנחל ומתגברת שם (די וואַסער פון באר) ואבדה כל האוכלוסין (שבנחל) כדרך שאבד אותן הים (ביי קריעת ים סוף)".

רש"י אָבער ברענגט אַראָפּ בלויז איין נס[11] — די הריגה פון די אמוריים וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די מערות — ער איז משמיט דעם נס פונעם באר וואָס האָט פאַרפלייצט דעם נחל און דאָרט דערטרונקען די אמוריים.

דאַרף מען פאַרשטיין: כאָטש לכאורה י"ל אַז פשוטו ש"מ איז מכריח אַ נס, אָבער ניט שני (סוגי) נסים,

איז אָבער רש"י אַליין מפרש, אַז דער פשט הפסוק דאָ גלייכט צו די נסים פון נחלי ארנון צו די נסים בים סוף — ווי ער טייטשט די ווערטער „את והב בסופה ואת הנחלים ארנון": „אשר יהב להם והרבה נסים בים סוף . . כשם שמספרים בנסי ים סוף כך יש לספר בנסי נחלי ארנון"[12] — איז דאָך פשוטו ש"מ ווי פירוש המדרש איז אויך אין נחל איז געשען אַ נס (דורך דעם באר) „כדרך שאבד אותן הים"?

נאָך מער: דער פסוק דערציילט ווייטער אַז אידן האָבן געזאָגט שירה און אַז דער תוכן השירה איז פאַרבונדן (נאָר) מיטן באר. איז, לויטן מדרש אַז דער באר גופא האָט מאבד געווען (דערטרונקען) די אמוריים (— חלקם), איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דער באר איז געווען תוכן השירה פון די אידן; אָבער לויט רש"י קומט אויס, אַז אויפן עצם הנס דורך וועלכן זיי זיינען ניצל געוואָרן פון די אמוריים, האָבן זיי קיין שירה ניט געזאָגט, און זייער שירה איז געווען בלויז אויף אַן ענין טפל צום נס — וואָס דער באר האָט מודיע געווען אידן פון דעם נס?

ג. ע"פ הנ"ל — אַז רש"י ברענגט אַראָפּ נאָר די אגדות (און פון די אגדות נאָר די ענינים) וועלכע זיינען מיישב דברי המקרא — איז עס מובן:

אין המשך הפסוק „ואשד הנחלים אשר נטה לשבת ער ונשען לגבול מואב" איז בלויז מרומז דער נס פון „ההר נטה ממקומו ונתקרב לצד גבול מואב", ס'איז אָבער ניטאָ קיין רמז אויפן נס אַז די מי הבאר האָבן דערטרונקען אמוריים אין נחל[13] (מען קען ניט זאָגן אַז עס איז מרומז אין די ווערטער „ואשד הנחלים", ווארום פון לשון הפסוק איז מוכח, אַז דער „אשד (שפך) הנחלים" איז געווען אַ תוצאה פון „אשר נטה גו'") — דעריבער לערנט רש"י, אַז „אשד הנחלים" מיינט „שפך הנחלים שנשפך שם דם אמוריים שהיו נחבאים שם" (אין די

---

9) אבל רק ראשי ההרים, שלכן לא נהרגו אותם שבנחל (מהרז"ו לבמדב"ר שם. וראה ל' תרגום ירושלמי כאן (פסוק טו)).

10) לשון המדרש במדב"ר שם. ועד"ז בתנחומא שם.

11) ראה גם תיב"ע ות"י כאן. וראה גם במדב"ר סוף פרשתנו (וראה לקמן תחילת סעיף ה).

12) ועד"ז הוא בת"א ותרגום ירושלמי כאן — אבל בתיב"ע מפרש ע"ד הש"ס ברכות נד, סע"א ואילך (הובא לקמן בפנים ס"ה). וראה חדא"ג מהרש"א שם. צל"ח (ענף יוסף לע"י) שם [ולביאורו, שלדעת הת"א היו מותרין המצורעין ליכנס למחנה בשעת הילוך מסעות — יומתק (גם ע"ד ההלכה) הא שרש"י (בפי' עה"ת) פי' כהת"א, כי מפרש"י נשא (ה, ב) מוכח שגם רש"י ס"ל כן (ראה לקו"ש חי"ח ע' 134 הערה 24)].

13) וצע"ק לשון רש"י כמ"פ „נסים" „נסי" — ל' רבים.

מערות שבהרים) — דורך דעם וואָס „ההר נטה ממקומו ונתקרב לצד גבול מואב" און והרגום די אמוריים שב־מערות, איז געוואָרן אַ „שפך" פון זייער דם וואָס איז אַריין אין נחל.

[משא"כ לויט'ן מדרש, וואָס דער דרך הדרש איז ניט אַזוי געבונדן מיטן לשון הפסוק, איז ווײַבאַלד דער פסוק פאַר־גלייכט די נסים שבנחלי ארנון צו די נסים בים סוף, לערנט דער מדרש[14], אַז אויך אין נחל איז געשען אַ נס דוגמת הנס בים סוף, אע"פ אַז דער פסוק איז אויף דעם נס ניט מרמז].

ד. ע"פ זה וועלן אויך ווערן פאַר־שטאַנדיק כמה שינויי לשונות צווישן פרש"י און דעם מדרש (אויפן פסוק „ומשם בארה"):

א) אין מדרש שטייט אַז כדי צו מודיע זיין די נסים, האָט דער באר יורד גע־ווען „לאותן המערות" וואו די אמוריים זיינען גע'הרג'ט געוואָרן; אָבער רש"י זאָגט אַז דער באר „ירדה לתוך הנחל".

ב) אין מדרש איז דער לשון „והוציאה גולגליות וזרועות ורגלים שאין להם חקר"; אין רש"י אָבער איז דער לשון אַז דער באר „העלתה משם דם ההרוגים וזרועות ואיברים".

דאָס וואָס רש"י זאָגט „זרועות ואיברים" — ניט „גולגליות זרועות ורגלים" ווי אין מדרש [ולאידך: ווי־באַלד רש"י זאָגט „איברים", זיינען זיי דאָך כולל אויך זרועות — פאַרוואָס דערמאָנט מען „זרועות" באַ־זונדער?] —

קען מען מסביר זיין: דער אויבער־שטער האָט געוואָלט ווייזן אידן ניט נאָר אַז זיי זיינען ניצול געוואָרן פון אויבים סתם, נאָר אויך פון וועלכע סוג אויבים ער האָט זיי מציל געווען — פון אַ צבא פון גיבורים; און דעריבער האָט ער (דורך דעם באר) זיי באַוויזן די זרועות, אין וועלכע ס'איז ניכר די גבורה פון אַ מענטשן.

נאָר אויב דער אויבערשטער וואָלט דאָס באַוויזן באופן אַז דער באר זאָל מעלה זיין בלויז די זרועות ההרוגים און איבערלאָזן די אַנדערע אברים, וואָלט דאָך דאָס געווען אַ נס בתוך נס — אָן תועלת ותכלית, אַ ניסא למגנא[15] — האָט דערפאַר דער באר מעלה געווען (ניט נאָר זרועות, נאָר אַלע) איברים — וואָס דאָס איז כולל גולגוליות ורגלים.

ער איז משמיט „שאין להם חקר" — ווייל דאָס איז ניטאָ בפשוטו ש"מ. ויתרה מזה — אַזאַ חידוש גדול וואָלט גע־דאַרפט זיין עכ"פ מרומז בקרא, לויט דרך הפשט.

ס'איז אָבער ניט מובן: פאַרוואָס איז רש"י מוסיף אויפן מדרש „דם ההרוגים"? דם — מאן דכר שמי[16]!

נאָר רש"י גייט אין דעם לשיטתי': רש"י טייטשט דאָך, כנ"ל, אַז „ואשד הנחלים" מיינט דעם שפך דם וואָס איז אַריין אין נחל. ובמילא, אַז דער פסוק זאָגט „ומשם בארה" מיינט עס — „משם (פון נחל) בא האשד (דער שפך דם) אל הבאר" — רש"י קען ניט זאָגן ווי אין מדרש אַז דער באר איז אַריין אין די מערות — ווייל אין פשוטו של מקרא שטייט אַז דער „אשד" איז געווען אין נחל. דעריבער מוז רש"י זאָגן „והבאר ירדה לתוך הנחל".

---

14) ראה לשון המדרש שבהערה 10: לכך הקיש (הכתוב) את והב בסופה לנחלי ארנון.

15) ראה לקו"ש ח"ו ע' 49. וש"נ.

16) אבל להעיר מרד"ל לבמדב"ר שם ס"ק סג.

און דערפאַר איז רש״י מוסיף „ודם ההרוגים״ — ואדרבה: ער שטעלט עס צום אַלעם ערשטן — ווייל דער פסוק רעדט וועגן „שפך הנחלים״ (פשוטו פון „אשד״), וואָס דאָס איז שייך דוקא ווען ס׳איז דאָ דם, אַ דבר הנשפך („שנשפך שם דם אמוריים״) — משא״כ זרועות און אברים (אַליין) ביי וועלכע עס קען ניט זיין דער ענין פון „שפך״ —

נאָר אין דעם „אשד״ פון „דם ההרוגים״ איז אויך געווען „זרועות ואיברים״[17].

ה. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: אין פרש״י אויף „ומשם בארה״ געפינט מען נאָך צוויי שינויים עיקריים לגבי דעם מדרש:

א) רש״י בפירושו איז מוסיף „המשל אומר נתת פת לתינוק הודיע לאמו״. דער משל איז טאַקע גענומען געוואָרן פון (אַ צווייטן אָרט אין) מדרש[18] (וואו עס ווערט געבראַכט דער סיפור בקיצור) — אָבער אין דעם אָרט אין מדרש וואו עס ווערט דערציילט די אריכות וואָס רש״י ברענגט (אין זיינע פירושים דאָ), ווערט דער משל ניט געבראַכט[19].

ב) אין מדרש דאָ[10] שטייט, אַז אידן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם נס דורך דעם וואָס „חזרו לבקש את הבאר וראו אותה שהיא יוצאה . . מתוך הנחל ומוציאה איברים״ (און אין גמרא[20] שטייט, אַז דאָס האָבן דערזען צוויי מצורעים וואָס זיינען געווען מחוץ למחנה); רש״י איז אָבער משנה פון מדרש (וגמרא) און זאָגט אַז דער באר גופא האָט עס מודיע געווען אַלעמען דורכדעם וואָס (דער באר) „מוליכתן סביב המחנה וישראל ראו ואמרו שירה״.

וואָס איז דער הכרח אין פשוטו של מקרא אויף די צוויי אויבנדערמאָנטע שינויים? דלכאורה — אדרבה: אין ביידע פרטים הנ״ל וואָלט לכאורה געווען מער מתאים צו דרך הפשט אַז רש״י זאָל זאָגן ווי אין מדרש:

א) דער צוועק פון אַ משל איז צו ערקלערן און מאַכן קלערער דאָס וואָס עס פעלט אין דער הבנה פונעם נמשל. אָבער בנדו״ד פעלט לכאורה גאָרניט אין הבנת הנמשל — דער טעם פאַרוואָס איז דער אויבערשטער מודיע די אידן וועגן די נסים וואָס ער האָט פאַר זיי געטאָן, איז מובן גאָר בפשטות[21] און פאָדערט ניט קיין הסברה — ובכלל וואָס גיט צו דער משל וואָס רש״י איז מוסיף?

ב) אפילו אַ בן חמש למקרא פאַרשטייט אַז דער אויבערשטער מאַכט ניט קיין נס למגנא[15] — עס מוז זיין אַ סיבה אַז השי״ת זאָל צוליב איר משדד זיין מערכות הטבע. טאָ פאַרוואָס לערנט רש״י אַז בכדי צו מודיע זיין דעם נס האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַ נס מיוחד („מוליכתן סביב המחנה״) — און לערנט ניט ווי אין מדרש אַז אידן אַליין האָבן דאָס אויסגעפונען בדרך הטבע[22], כנ״ל?

17) ולכן לא כתב רש״י זה לעיל בד״ה ואשד הנחלים, כי שם מוכח רק שהי׳ שפך (של דם), משא״כ כאן שהבאר הודיעה הנסים צ״ל שבשפך זה היו גם זרועות ואיברים.

18) במדב״ר סוף פרשתנו. והוא ע״פ ש״ס שבת י, ב. וראה לקמן בפנים סעיף ו.

19) להעיר שבדפוס ראשון דרש״י לא הובא המשל. אבל נמצא בדפוס שני דרש״י, ברוב כת״י רש״י שתח״י ובדפוסים שלפנינו.

20) ברכות שם. וראה לעיל הערה 12. — ביאור גמ׳ זו ע״ד הקבלה ראה תורת לוי״צ ע׳ שסג.

21) להעיר על ההדגשה דפרסום הנס — בכו״כ כתובים בנוגע להנסים במצרים (לדוגמא וארא ז, י. יז. שם ח, ו. שם ט, יד. כט. ר״פ בא).

22) ובבמדב״ר שבהערה 18 משמע שישראל לא

ו. אין דעם משל גופא וואָס רש״י ברענגט — „נתת פת לתינוק הודיע לאמו״ — איז ניט מובן:

לכאורה איז אין המשל דומה לנמשל: אין משל איז די הודעה (ניט צום תינוק, נאָר) „לאמו״, משא״כ אין נמשל האָט דער אויבערשטער מודיע געווען דעם נס צו די אידן (התינוק — שבמשל). אויך: מאי קמשמע לן מיט אויסקלייבן די דוגמא פון „נתת פת״ — ואדרבה: „פת״ ווייזט אויף אַן ענין הכרחי, משא״כ דער נמשל פון „מי מודיע לבני הנסים הללו״ איז מדגיש ניט דעם ענין פון הכרח (פת), נאָר — נאָר די זאַך וועלכע מען טוט צוליב חבה יתירה כו׳.

די תמי׳ אין דעם איז נאָך גרעסער: דער מקור פון דעם משל איז אין גמרא[23], וואו עס שטייט די הוראה: הנותן פת לתינוק צריך להודיע לאמו[24]. און דער דין קומט אַלס אַ המשך[25] צו דעם דין: הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו — ולכאורה איז דוקא דער דין פון לחברו מתאים בנדו״ד: (א) דאָ רעדט זיך וועגן סתם „מתנה״[26] (ניט דבר של הכרח — „פת״). (ב) די הודעה איז דאָ צום מקבל המתנה עצמו (און ניט „לאמו״) — און רש״י ברייגנגט דוקא דעם משל פון „נתת פת לתינוק הודיע לאמו״?!

ז. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים אַ תמי׳ כללית אין פירוש רש״י, וואָס לערנט אַז די ווערטער „ואשד הנחלים אשר נטה גו׳ ומשם בארה גו׳״ זיינען מרמז אויף די פרטי הנסים וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן אין נחלי ארנון — דלכאורה איז דער פירוש (אַז „אשר נטה גו׳״ מיינט אַז דער הר האָט זיך געניגט און גערוקט ביז „גבול מואב״) ווייט פון דרך הפשט. און ווי מען זעט טאַקע, אַז כמה פשטנים[27] זיינען מפרש אַז „אשר נטה גו׳״ באַציט זיך צום נחל (אָדער צו אידן[28]) און איז מציין די סימנים וואו דער נחל (אָדער אידן) איז געווען, און „ומשם בארה״ מיינט די נסיעה פון בנ״י צו „בארה״ (וואָס קומט בהמשך צו די פריער אויסגערעכנטע מסעות)[29], אָדער אַז דער נחל האָט פון דאָרט נוטה געווען ביז „בארה״ (מקום הבאר)[30].

פאַרוואָס לערנט רש״י (ווי דער פירוש המדרש) און ניט ווי די פשטנים הנ״ל?

וי״ל הביאור בכל זה:

אין זיינע פירושים אויף די פסוקים דאָ, קומט רש״י באַוואָרענען אַ שאלה כללית אין דעם סיפור הכתובים: אין חומש ווערט דערציילט וועגן כו״כ נסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן פאַר אידן צוליב הצלת בני ישראל, און (מהם) נסים וועלכע זיינען געווען ניט

---

חזרו לבקש הבאר, כ״א ראו האשד כשעברו הנחל דרך הילוכם. ולהעיר מס״א בפרש״י כאן (סד״ה ואשד). אבל בכל אופן אינו מתאים עם המפורש בפרש״י בד״ה ומשם בארה שהבאר „מוליכתן סביב המחנה״.

23) שבת שם.

24) ולהעיר שבדפוס שני דרש״י וכמה כת״י רש״י שתח״י הלשון הוא „הנותן כו׳ צריך כו׳״ (ע״ד ל׳ הש״ס), ולא „נתת כו׳ הודיע כו׳״ (כבבמדב״ר שבהערה 18).

25) ראה שבת שם: מכאן כו׳.

26) וראה שם תוד״ה הנותן מתנה, שזהו במתנה שנותן לו ע״י אהבה.

27) ראה רמב״ן, אברבנאל, ספורנו, רבותינו בעה״ת. ועוד.

28) ראה ראב״ע כאן. וראה גם חזקוני.

29) ראב״ע, רמב״ן, אברבנאל. וראה גם חזקוני.

30) ספורנו. וראה רבותינו בעה״ת.

אין גדרי הטבע לגמרי — און אעפ״כ געפינט מען ניט, אַז אידן זאָלן צוליב זיי זאָגן שירה (זיכער האָבן אידן געדאַנקט דעם אויבערשטן און אים געלויבט פאַר די נסים[31], אָבער די תורה דערמאָנט דאָס ניט) — מיטן אויסנאָם פון קריעת ים סוף און — בפרשתנו.

וצריך להבין — מה נשתנו די צוויי נסים, אַז דוקא באַ זיי האָבן אידן געזאָגט שירה[32]?

לערנט רש״י אַז דערפון גופא איז אַ הכרח צו זאָגן אַז אין נחלי ארנון זיינען געשען נסים גדולים ומיוחדים וועלכע זיינען בדומה צו קריעת ים סוף, און ווי רש״י איז עס מבאר ומדגיש אין זיין פירוש אויף די ווערטער „את והב בסופה״ און „ואת הנחלים ארנון״ — „כשם שמספרים בנסי ים סוף כך כו׳ בנסי נחלי ארנון, שאף כאן נעשו נסים גדולים״;

וי״ל אַז די הוכחה אַז דער פסוק פאַרגלייכט די נסים צו די נסי הים איז (בעיקר) ניט פון לשון „סופה״ (הנופל על ל׳ ים סוף) — ווייל דאָס איז רחוק אין דרך הפשט — נאָר פון כללות תוכן הסיפור: וויבאַלד מען געפינט אַז אידן האָבן דאָ דוקא געזאָגט שירה, איז דאָס מכריח צו זאָגן אַז די נסים דאָ זיינען „כשם״ — בדומה צו די נסים פון ים סוף (אשר אז ישיר).

און מהאי טעמא לערנט רש״י אַז דער פסוק גופא ברענגט אַרויס (עכ״פ ברמז) אין וואָס די נסים זיינען באַשטאַנען — וויבאַלד דער פסוק דערציילט אַז אידן האָבן געזאָגט שירה, איז מסתבר אַז דער פסוק זאָגט אויך (עכ״פ — ברמז) פאַרוואָס מ׳האָט דאָ געזאָגט שירה.

ח. אין וואָס באַשטייט דער יתרון ועילוי הנסים פון קרי״ס לגבי די אַנדערע נסים, וואָס דערפאַר האָט מען דוקא דעמאָלט געזאָגט שירה?

מען קען ניט זאָגן אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס דער נס פון קרי״ס האָט מציל געווען די בנ״י פון סכנת נפשות[33] — ווייל אויך באַ אַנדערע נסים געפינט מען עד״ז, ובעניננו: דער מן און בארה של מרים האָבן מציל געווען אידן פון סכנת רעב וצמאון במדבר;

ועד״ז — אויך ניט מחמת דעם וואָס קרי״ס איז געווען אַ נס וואָס איז לגמרי העכער פון טבע — ווייל אויך דער נס פון מן און בארה של מרים זיינען ניט אין גדר הטבע, ואדרבא — דוקא זיי האָבן אָנגעהאַלטן קרוב צו ארבעים שנה.

נאָר דער חידוש מיוחד שבזה איז געווען (בלשון הפסוק[34]) — „ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון״: אין אַנדערע אַזעלכע פאַלן[35], ווען אידן זיינען געווען אין אַ מצב פון סכנה מצד די אומות, איז דער נס הישועה וההצלה געווען באופן אַז אידן האָבן מיט זיי מלחמה געהאַלטן, און דער אויבערשטער האָט אַזוי געפירט אַז די אידן זאָלן מנצח זיין, ביז צו אַ נצחון באופן נסי.

ביי קרי״ס אָבער, זיינען אידן געווען „תחרישון״, ניט געטאָן קיין זאַך אויף צו

31) במכש״כ וק״ו ממצות הודית ביכורים (רש״י ד״ה ואמרת אליו — תבוא כו, ג) אף ששם מדובר (בעיקר) ע״ד „טובה״ שבדרך הטבע.

32) ראה יל״ש פרשתנו עה״פ עלי באר: מה ראו לומר שירה על הבאר ולא אמרו שירה על המן. וראה גם אברבנאל ואוה״ח כאן. ועוד.

33) ראה מגילה יד, א. ולהעיר מפרש״י שם ד״ה מעבדות. פרש״י ס״פ שלח (מר״מ הדרשן).

34) בשלח יד, יד.

35) ראה לדוגמא: בשלח יז, ח ואילך. פרשתנו שם, א ואילך. לקמן פסוק כא ואילך.

ראַטעווען זיך פון די מצרים; דער אויבערשטער אַליין און נאָר ער איז „ילחם" מיט די מצרים.

און דער ענין — וואָס דער אויבערשטער האָט אַלץ געטאָן אַנשטאָט די אידן („ה' ילחם לכם") — ווייזט אויף אַ חיבה יתירה וביותר (אַז ניט נאָר איז דער אויבערשטער מציל אידן פון סכנה, נאָר ער פאַרשפּאָרט זיי אפילו צו טאָן עפּעס דערצו), און דערפאַר האָט דוקא דער נס געבראַכט אַז אידן זאָלן זאָגן שירה.

און דאָס איז אויך די נקודת החידוש אינעם נס וואָס איז געשען ביי נחלי ארנון: אויך דאָ[36] איז הצלת בנ"י געקומען אין אַן אופן פון „ה' ילחם לכם ואתם תחרישון"[37], און דערפאַר האָט אויך דער נס מעורר געווען אידן צו זאָגן שירה[38].

ט. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס רש"י איז מוסיף דעם משל „נתת פת לתינוק הודיע לאמו":

רש"י איז מדגיש די אויסגעטיילטקייט פון די נסים ביי נחלי ארנון לגבי אַנדערע נסים (און י"ל אַז בפרט הבא — אפילו לגבי דעם נס פון קרי"ס): ביי די נסים האָט דער אויבערשטער געזאָגט „מי[39] מודיע לבני הנסים הללו": דער ענין אַז נאָר „ה' ילחם לכם" איז דאָ געווען עד כדי כך אַז אידן האָבן ניט געוואוסט, ניט פון דער סכנה און ניט פון דער הצלה!

און דאָס איז דער תוכן פון „נתת פת לתינוק הודיע לאמו" און זיין חידוש לגבי דעם „הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו": „פת" איז ניט סתם אַ מתנה, נאָר אַן ענין של הכרח, כנ"ל. און דאָס איז אויך דער ענין אין „הודיע לאמו": בכלל, איז דאָס דער תפקיד פון דער אם צו געבן דעם תינוק אַלע זיינע הצטרכות'ן. און דעריבער, בשעת אַ צווייטער „פאַרבייט" די אם און גיט דעם תינוק „פת" — צריך להודיע לאמו.

ועד"ז בענינינו: דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ענין הכי הכרחי, בדוגמת „פת" — מציל זיין אידן פון אַ סכנה כללית וגדולה[40], וואָס בכלל, האָט זיך דערמיט פאַרנומען „אמו" — משה רבינו, דער רועה נאמן וואָס האָט פאַרזאָרגט אידן מיט אַלע זייערע צרכים[41]. און ווי מען געפינט, אַז אין יעדן פאַל ווען ביי בנ"י האָט עפּעס געפעלט, אָדער זיי האָבן זיך געפונען אין אַן עת צרה, האָט משה רבינו זיך דערמיט אָפּגעגעבן (אָדער מתפלל געווען להקב"ה).

אָבער בנדו"ד איז די גאַנצע הילף און ישועה אויפגעטאָן געוואָרן ניט דורך משה רבינו[42]. ס'איז געקומען אינגאַנצן

36) ראה לקמן די"ל דכאן זהו יותר מבקי"ס.

37) להעיר מל' היל"ש פרשתנו עה"פ על כן יאמר בספר מלחמות ה': אתם עסקתם בספר ואני נלחם על ידיכם.

38) ראה בחיי כאן: וישראל רואים . . (ו)איך הקב"ה נלחם בשבילם . . והם אין יודעים בזה כלום עד שהבאר הזה הודיעם ומיד אמרו שירה.

39) עפ"ז יומתק מה ששינה רש"י מל' המדרש, ובמקום „הריני מודיע" כותב „מי מודיע".

40) וכמו שביאר רש"י לעיל בד"ה ואשד הנחלים (ולכן מוכרחת ומיוסדת בפשש"מ האריכות): ההרים גבוהים והנחל עמוק וקצר וההרים סמוכים כו' (וא"א לנוס כו').

41) ראה לעיל — בהעלותך (יא, יב) האנכי הריתי גו' ילדתיהו גו' (בדוגמת אם).

42) עפ"ז יומתק (ע"פ פרש"י בפשש"מ) מה שבשירה זו נאמר „אז ישיר ישראל", ולא כבשירת הים „אז ישיר משה ובנ"י" — כי כאן לא הי' חילוק בין משה לכל ישראל (ולהעיר מפרש"י לקמן פסוק כ ד"ה במחוקק: ולמה לא נזכר כו').

אין אַן אופן פון „ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון״ (וכנ״ל, נאָך מער ווי ביי קרי״ס, וואָס דאָרט האָט מען געוואוסט פון דער סכנה, און אויך — האָט משה מתפלל געווען צום אויבערשטן[43]); דער „פת״ איז ניט געקומען דורך „אמו״.

עפ״ז יש לומר, אַז דער ענין פון „הודיע לאמו״ אין נמשל איז: אויך דער „באר״, וואָס האָט פאַרזאָרגט אידן מיט מים (דבר הכרחי) אין מדבר, איז בדוגמא צו אַן „אם״[44] וועלכע פאַרזאָרגט אירע קינדער מיט זייערע צרכים. און דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז „בא האשד אל הבאר״, איז געווען דער „הודיע לאמו״[45].

דערמיט איז אויך פאַרענטפערט דער צווייטער שינוי (הנ״ל סעיף ה) אין פרש״י לגבי דעם מדרש (וגמרא) — אַז דער באר „מוליכתן סביב המחנה״:

איינע פון די מטרות אין „נתת כו׳ הודיע לאמו״ איז — אַז די אם זאָל (סוף־סוף) מודיע (און מסביר) זיין דעם תינוק די טובה וואָס ער האָט באַקומען פונעם נותן הפת. ועד״ז בעניננו: מצד דער הוראה „נתת כו׳ הודיע לאמו״ איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער באר גופא איז גע־גאַנגען „מודיע״ זיין אידן פון דעם נס

[משא״כ לויטן מדרש (וגמרא), איז ניט דער באר האָט מודיע געווען דעם נס צו אידן, נאָר אידן, זוכנדיק דעם באר, האָבן דערזען די נסים דורכן באר].

יו״ד. ועוד יש לומר — בנוגע דעם (צווייטן) שינוי אין פרש״י — אַז, ע״פ הנ״ל, איז דער יסוד פון די פירושי רש״י צו מסביר זיין וואָס דאָ איז יוצא מן הכלל, מכל הנסים — וואָס דערפאַר האָבן אידן געזאָגט שירה:

אויף „אז ישיר משה״[46] איז רש״י מפרש: „אז כשראה הנס עלה בלבו שישיר שירה״. פון לשון רש״י איז פאַר־שטאַנדיק, אַז דער ענין פון אמירת שירה קומט דערפון וואָס „ראה הנס״: בשעת מען דערזעט אַ נס, פועל׳ט עס אַז מ׳זאָל זאָגן שירה[47].

און מהאי טעמא לערנט רש״י, אַז עד״ז איז געווען בנדו״ד[48]: דאָס וואָס אידן האָבן געפונען דעם באר איז אויך געווען ניט אויף אַ טבעית׳דיקן אופן — (דעמאָלט איז ניט „ראה הנס״: זיי האָבן געזען ניט דעם נס גופא, נאָר די תוצאות הנס).

דערפאַר איז רש״י מפרש, אַז די הודעה צו אידן וועגן „הנסים הללו״ איז געווען אין איין המשך מיטן כללות הנס: דער באר (אין דער זעלבער „הליכה״ פון „ומשם בארה״) איז אַרומגעגאַנגען סביב המחנה באופן נסי, אַזוי, אַז אַלע אידן האָבן געזען ווי דער אויבערשטער איז זיי מודיע וועגן „הנסים הללו״.

---

43) רש״י בשלח יד, טו. — וגם עצם הנס בא ע״י „ואתה הרם את מטך גו׳״ (שם, טז. וראה גם שם, כא: כו).

44) ראה גם משכיל לדוד כאן (ע״ד הקבלה).

45) גם יש לומר שהנמשל של אמו הוא משה. כי כשישראל ראו את הדם ואת הזרועות לא ידעו מה זה וכמובן בפשטות, כשאירע דבר אי מובן שאלו את משה (ע״ד במן — בשלח (טז, טו. טז, כג) — וא״ל משה: הוא גו׳) והוא הסביר להם שזזו ההרים כו׳ (ועפ״ז מתורץ לשון הכתוב „היא הבאר גו׳ למשה אסוף את העם גו׳״, דמאי קמ״ל בהאריכות? ומאי שייך לכאן?).

46) בשלח טו, א.

47) להעיר מראב״ע בשלח (יד, כט. וראה ראב״ע ורמב״ן שם טו, יט) שבנ״י היו משוררים בעודם הולכים ביבשה בתוך הים.

48) ובפרט שרש״י בבשלח שם מביא ג״כ משירת הבאר.

**קומט אויס, אַז אידן האָבן געהאַט אַ ראי׳ אין דעם נס[49], און וויבאַלד „וישראל ראו (דעריבער) ואמרו[50] שירה: עלי באר[51], מתוך הנחל והעלי מה שאת מעלה״.**

(משיחת ש״פ חו״ב תשל״ה)

---

49) עפ״ז מתורץ ג״כ אמרם שירה על הבאר, ולא על כללות ההצלה (ראה לעיל סעיף ב) — כי ראייתם („ראו ואמרו כו״) היתה רק בנס הבאר — „עלי באר . . והעלי כו״.

50) ומתורץ עפ״ז כפל (ואריכות) לשון רש״י: ראו ואמרו — בדוגמא ללשונו בבשלח שם.

51) וי״ל שאי״ז ד״ה חדש בפרש״י, כ״א המשך לפירוש הקודם (להדגיש ששירתם היתה על מה שראו כו׳, כנ״ל הערה 49). וכדמוכח מהמשך לשון רש״י „ומנין שהבאר הודיעה כו״, שאינו שייך להשירה „עלי באר כו״.

# י״ב־י״ג תמוז

א. בשייכות צום מאסר וגאולה ביב ויג תמוז פון רבין דעם שווער, האָט ער אַמאָל דערציילט[1], אַז אין די מאמרים פון דעם ר״ה פאַרן מאסר — ר״ה תרפ״ז — האָט זיך גערעדט וועגן שיטת הבעש״ט[2] אין דעם ענין פון השגחה פרטית, אַז השגחה פרטית איז אויך אויף דומם צומח חי און אויף יעדן פרט ופרט — כאָטש אַז דער ענין האָט ניט געהאַט קיין שייכות צום מאמר[3], און אַז לולא זאת ווייס ער ניט צי ער וואָלט געקענט דורכטראָגן (סובל זיין די יסורים און אַרויס פון) דעם מאסר.

דאַרף מען פאַרשטיין: דער אויפטו פון שיטת הבעש״ט אין השגחה פרטית איז, כנ״ל, אַז אויך אַלע ברואים פון חי צומח ודומם זיינען מושגחים בהשגחה פרטית פון דעם אויבערשטן[4], אָבער די השגח״פ אויפן מין המדבר איז דאָך אַן ענין וואָס כו״ע מודים בזה (אויך אָן דעם אויפטו פון דעם בעש״ט)[5], ובפרט בנוגע ישראל עם קרובו, און אידן שומרי תומ״צ בפרטי פרטיות, ומכש״כ ווען דער מדובר איז וועגן מנהיגי ונשיאי ישראל, וואָס זייערע ענינים זיינען נוגע צו כלל ישראל, איז דאָך אוודאי פשוט בתכלית אַז אַלע זייערע ענינים זיינען בהשגח״פ — היינט פאַרוואָס האָט מען ביים מאסר פון רבי׳ן געדאַרפט אָנקומען דוקא צו שיטת הבעש״ט[6] אין השגח״פ?[7]

די תמי׳ איז נאָך גרעסער: וואָס איז בכלל נוגע דאַ, ביים מאסר פון רבי״ן, די הדגשה פון השגח״פ? דאָס האָט דאָך געהאַט צו טאָן אינגאַנצן מיט קיום התומ״צ, מיט הרבצת התורה והחזקת היהדות און מיט אויספירן די שליחות פון דעם אויבערשטן, איז דאָך פשיטא אַז אַלעס השייך לזה — כולל די זאַכן וואָס האָבן זיך געטאָן מיטן רבי״ן — זיינען געווען פאַרבונדן מיט רצון וכוונת והשגחת השי״ת.

1) נעתק ברשימת המאסר (לקו״ד ח״ד ע׳ 1252) בהערה.

2) וידועה ראית אדה״ז מחולין (סג, א) משלך (וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 63). וראה בארוכה קונטרס השגחה פרטית (נדפס בלקו״ש ח״ח ע׳ 277 ואילך).

3) בסה״מ תרפ״ז (קה״ת תשמ״א — נדפס ע״פ העתקה מוגהת ובהוספות בגכתי״ק — ) לא נזכר ע״ד ענין הנ״ל בהשגח״פ. ואולי נשמט ע״י בעל המאמר מטעם הנ״ל, כיון שלא הי׳ שייך ל(המשך הענין ב)המאמר. אף שנאמר (וכידוע בנוגע לכמה מאמרים).

4) ראה לקו״ד שם. כתר שם טוב (הוצאת קה״ת) בהוספות סקי״ט ואילך. קונטרס הנ״ל.

5) ראה קונטרס הנ״ל (ע׳ 278 ואילך).

6) להעיר שבלקו״ד ח״א (ע׳ 166 בסוף ס״ב) אומר בענין המאסר והגאולה דאדמו״ר הזקן שהי׳ הכל בהשגחה העליונה ואינו מדייק שע״פ שיטת הבעש״ט. ורק להלן בסעיף בפ״ע (ס״ג) מתחיל לבאר השגח״פ כפי ביאור הבעש״ט.

7) בפשטות יש לומר שהזכרת ענין שיטת הבעש״ט אודות השגח״פ, שהיא גם בדצ״ח ובכל פרט ופרט, מוסיפה בהרגשת ענין השגח״פ גם על האדם. דאם עשב אחד פרטי הרי גם מספר תנועותיו ואופניו הוא בהשגחה פרטית כו׳ הנה האדם הרי ודאי שהוא מושגח בהשגחה פרטית בכל פרטי פרטיות עניני צרכיו (ל׳ כ״ק מו״ח אדמו״ר בד״ה על כן יאמרו המושלים תרצ״ו, הובא לקמן בפנים סי״א). ועאכו״כ ישראל עם קרובו (ראה לקו״ד ח״א שם סוס״ג). וכהתבוננות שלו בעת המאסר גופא המסופרת בלקו״ד ח״ד שם.

אבל מהמשך הלשון משמע, שהוא מצד עצם שיטת וחידוש הבעש״ט בהשגח״פ, ולא רק שמזה אפשר להרגיש יותר ענין ההשגחה באדם בכש״כ וק״ו.